בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# הִיט דַיינֶע אוֹיגְן

דֶער קוּנְטְרֵס רֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס אַ אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, און עֵצוֹת וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן שְׁמוּץ און הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן.

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "שְׁמֹר עֵינֶיךָ" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע און רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זי"ע

גֶעבּוֹיעְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ

רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - ווִילְיַאמְסְבּוּרְג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# הִיט דַיינֶע אוֹיגְן

## א

חֲזַ״ל זָאגְן (בְּמִדְבָּר רַבָּה, פַּרְשָׁה י׳, סִימָן ו׳) ״פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבֶּעטְן פוּן דִי אִידְן אַז זֵיי זָאל אִים גֶעבְּן דִי אוֹיגְן מִיט דִי הַארְץ ? וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין זֵיי, דִי אוֹיגְן זֶעעֶן דִי עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ טְרַאכְט דִי הַארְץ דֶערְפוּן״.

דֶער אוֹיג אִיז דֶער וִויכְטִיגְסְטֶער אֵבֶר פוּנֶעם מֶענְטְש, דֶער אוֹיג אִיז דֶער עִיקָר פוּנֶעם מֶענְטְש, דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְש וֶוערְט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאכְ׳ן אוֹיג. וֶוען

אַ אִיד אִיז זוכֶה און עֶר הִיט זַיינֶע אויגְן, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף גוּטֶע און עֶרְלִיכֶע זַאכְן, עֶר קוּקְט נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט שׁוֹין מְמֵילָא נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט זַיין גַאנְצֶער קֶערְפֶּער נָאכְדֶעם, און דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעמָאסְטְן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ צַדִיק אָדֶער נִישְׁט. אַ אִיד וָואס אִיז זוכֶה זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ צַדִיק; און פַּארְקֶערְט, אֵיינֶער וָואס לָאזְט זַיינֶע אוֹיגְן אוֹיף הֶפְקֶר, עֶר קוּקְט זִיךְ אָן מִיט שְׁמוּץ, עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ רָשָׁע רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, מִיר לֶעבְן הַיינְט אִין אַ שְׁוֶוערֶע וֶועלְט וָואס אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט שְׁמוּץ, דֶער סַמַךְ-מֵם הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט

הײַנטיגע צײַטן און ער פֿאַרשפּרייט גאָר אַסאַך שמוץ אויף דער וועלט, און עס איז זייער שווער זיך אַרויסצודרייען פֿון אים. אָבער אויף דעם זאָגן די חז"ל (אָבות פּרק ה') "לפום צערא אגרא", ווי שווערער דער נסיון איז, ווי שווערער עס איז זיך צו שטאַרקן איבער דעם יצר הרע, אַלץ אַ גרעסערע שכר וועט דער מענטש באַקומען פֿאַר דעם.

און ספּעציעל ווען אַ מענטש איז שוין אַרײַנגעפֿאַלן אין שמוץ פֿאַר אַ לענגערע צײַט, איז אים גאָר שווער זיך אָפּצורײַסן דערפֿון, ער איז שוין אַזוי שטאַרק אײַנגעוואוינט צו קוקן שמוץ, אַז עס זעט אים אויס ממש ווי אוממעגליך אַרויסצוקריכן דערפֿון, דאַרף אָבער דער מענטש געדענקען אַז דווקא ער, אויב וועט ער זיך שטאַרקן און אַסאַך בעטן דעם איבערשטן צו געראַטעוועט ווערן פֿון זײַן

בְּרֶענֶענְדִיגְן יֵצֶר הָרַע, אִיז זַיין שְׂכַר גָאר גְרוֹיס. וַוייל ווִי שְׁוֶוערֶער עֶס אִיז, אַלְץ מֶער חָשׁוּב אִיז דָאס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע עֶרְשַׁיינוּנְג קוּמְט פָּאר אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר אוֹיף דֶער וֶועלְט; פוּן אֵיין זַייט אִיז דָא אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען קֶען מַמָשׁ נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ'ן גַאס אָן צוּ נִכְשָׁל וֶוערְן צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁמוּץ, וֶוען אַ אִיד וִויל נָאר גֵיין דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל, מוּז עֶר זִיךְ שׁוֹין אָנְטְרֶעפְן אוֹיפְ'ן וֶועג מִיט שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, דָא רֶעדְט מֶען אֲפִילוּ פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס וִויל נִישְׁט דַוְקָא גֵיין קוּקְן אוֹיף שְׁמוּץ, און וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דִי עֶרְפִינְדוּנְגֶען וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט סְפֶּעצִיעֶל אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר דֶעם לֶעצְטְן דוֹר פַאר מָשִׁיחַ וֶועט שׁוֹין קוּמֶען בְּקָרוֹב, וֶוען לֵיידֶער הַיינְט אִיז אַזוֹי גְרִינְג צוּ קוּקְן דִי עֶרְגְסְטֶע סָארְט שְׁמוּץ פוּן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע

װעלט, אַ מענטש דאַרף אַפּילו נישט אַרױסגײן אױפֿ׳ן גאַס, ער קען זיצן בײַ זיך אין שטוב אױף זײַן קאָמפּיוטער, ער קען האָבן בײַ זיך אין טאַש אַ טעלעפֿאָן, ער קען זיך אײַנהאַנדלען שמוציקע מאַגאַזינען, און ער װערט אײַנגעזאַפּט פֿאַרקױפֿט צו דעם, ער קוקט און קוקט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אױף די ערגסטע סאָרט שמוץ פֿון די גאַנצע װעלט, און מיט דעם רײַסט ער זיך אױס אינגאַנצן זײַן מוח און זײַן נשמה.

אָבער כאָטש פֿון אײן זײַט איז די װעלט טאַקע אַזױ געפֿערליך, דאַרף מען אָבער װיסן און געדענקען אַז טאַקע צוליב דעם איז הײַנט זײער גרינג פֿאַר אַ איד צו װערן גאָר אַ גרױסער צדיק. װען אַ איד פֿאַרמאַכט זיך נאָר די אױגן, ער פּרוּווט זיך אײַנצוהאַלטן נישט צו קוקן קײן שמוץ, נישט צו קוקן אױף װאָס דער

איבערשטער לאָזט נישט קוקן, דאַן איז ער שוין דער גרעסטער חידוש אויף דער וועלט.

אַמאָליגע צייטן האָט אַ מענטש זיך געקענט פֿײַניגן, טון אַסאַך שווערע סיגופים ווי "גלגול שלג" און דאָס גלייכן, און נאָכאַלץ האָט ער געדאַרפט האָבן גרויס רחמי שמים צו ווערן אַ צדיק. אָבער הײַנט צו טאָגס, ווען די נסיונות אויף שמירת עינים איז אַזוי גרויס און שווער, עס איז אַזוי גרינג אַרײַנצופאַלן אין די ערגסטע שמוץ, און עס איז אַזוי שווער זיך צו היטן פון שמוץ; אין אַזאַ צייט, אויב איז אַ איד זוכה זיך צו היטן די אויגן, ער היט זיך בלויז נישט צו קוקן וואָס מען טאָר נישט, איז ער שוין דער גרעסטער צדיק אויף דער וועלט.

יוסף הצדיק האָט באַקומען דעם צונאָמען "צדיק" ווייל ער האָט זיך געשטאַרקט אויף זײַנע שווערע

נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף דִי גוֹי'אִישֶׁע פְרוֹי וָואס הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט מַכְשִׁיל זַיין מִיט עֲבֵירוֹת, דֶערִיבֶּער וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן "יוֹסֵף הַצַדִיק", אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי בְּרָכָה אַז עֶס זָאל נִישְׁט שׁוֹלֵט זַיין אוֹיף אִים קַיין עַיִן הָרַע. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ.) "עַיִן שֶׁלֹא רָצְתָה לָזוּן מִמַה שֶׁאֵינוֹ שֶׁלוֹ, אֵין עַיִן הָרַע שׁוֹלֶטֶת בּוֹ", יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט זִיךְ גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף קַיין פְּרוּצוֹת, אֲפִילוּ וֶוען זִי אִיז אִים נָאכְגֶעלָאפְן אוּן אִים צוּגֶערֶעדְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף אִיר אוּן עֶר הָאט זִיךְ נָאר אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן אִיר. אִין דֶעם זְכוּת הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי בְּרָכָה אַז עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט שָׁאטְן קַיין "עַיִן הָרַע".

און די זעלבע איז אויך בײַ יעדן איד וואס שטארקט זיך און שטרענגט זיך אן נישט צו קוקן וואו מען טאר נישט, און ספּעציעל היינטיגע צײַטן ווען דאס קומט אן אזוי שווער, ווען עס איז אזוי גרינג יא צו קוקן שמוץ, ווען אַ איד איז אבער זוכה זיך צו היטן די אויגן, ווערט ער אַ גרויסער צדיק, ער ווערט אפּגעהיטן פון "עין הרע", ער ווערט געראטעוועט פון אַלע שלעכטס, דער אייבערשטער אליין היט אים אפּ אַז קיינער זאל אים נישט קענען שלעכטס טון.

## ב

די שווערסטע נסיון אין די היינטיגע צײַטן איז דאס זיך היטן די אויגן. חז"ל זאגן (ברכות י"ב:) "אחרי עיניכם - זה הרהור עבירה", אלע עבירות הויבן זיך אן בײַ די אויגן, ווייל די אויג זעט, די הארץ גלוסט, און דאס

בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם צוּ אַז מֶען זָאל טוּן עֲבֵירוֹת (עַיֵין טוּר אוֹרַח חַיִים סִימָן א׳). דִי גְמָרָא זָאגְט (יוֹמָא ע״ד:) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (קֹהֶלֶת ו׳, ט׳) ״טוֹב מַרְאֶה עֵינַיִם מֵהֲלָךְ נָפֶשׁ״, עֶס אִיז עֶרְגֶער דָאס קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן אוּן אוֹיף שְׁמוּץ, וִוי דָאס טוּן דִי עֲבֵירָה אַלֵיין. נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (סַנְהֶדְרִין מ״ה.) ״אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָא בַּמֶה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת״, דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. דֶער עִיקָר כֹּחַ וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אִיבֶּער אַ מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט אַז אֵיינְמָאל עֶר אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, הָאט עֶר שׁוֹין גֶע׳הַרְגְ׳ט דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן. מִיט דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ

הויבט אָן קוקן שמוץ, פאַלט ער נאָכדעם דורך מיט די האַרבע עבירה פון פּגם הברית הוצאת זרע לבטלה רחמנא ליצלן, און אין נאָך האַרבע עבירות פון ניאוף רחמנא ליצלן, און דאָס גייט נאָך ווייטער אַז דער מח פון דעם מענטש ווערט אינגאַנצן פאַרדרייט, ער קען נישט טראַכטן נאָרמאַל, ער הויבט אָן צו האָבן קשיות אויפ'ן אייבערשטן, זיין גאַנצער לעבן ווערט אים דערביטערט, און ער פאַרלירט ממש זיין חשק צו לעבן.

עס איז אָבער קיינמאָל נישט צו שפּעט, אַ איד קען זיך סיי ווען נעמען אין די האַנט אַריין און אָנהויבן פון יעצט צו זיין וואויל, צו אויפהערן צו קוקן שמוץ און אָנהויבן צו קוקן נאָר אויף גוטע זאכן, צו נוצן זיינע אויגן נאָר צו קוקן צום אייבערשטן און צו בעטן זיין הילף, צו קוקן אויף צדיקים וואָס זענען דבוק צום

אײבערשטן, צו קוקן אויף די הײליגע װערטער פון די תּורה, װאָס דאָס הײליגט און רײניגט די אויגן, און ברענגט אַרײַן שׂכל אינעם מענטש׳ס מוח.

עס איז נישט קײן חילוק װאָס דער מענטש האָט געטון ביז יעצט, אַפילו עס גײט דורך לאַנגע יאָרן װאָס דער מענטש ליגט אין שמוץ, ער האָט שוין צוזאַם געקוקט אַזױפיל שמוץ אין זײַן לעבן, און עס זעט אים אויס װי עס איז אים ממש נישט מעגליך זיך צו היטן די אויגן, נאָכדעם װאָס עס איז שוין געװאָרן בײַ אים ממש װי אַ נאַטור אַז ער מוז קוקן שמוץ; דאַרף אָבער אַ מענטש װיסן און גוט געדענקען אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך אַז אַ מענטש איז שוין דערנאָך, יעדן טאָג און יעדע מינוט און יעדע סעקונדע קען זיך אַ איד נעמען אין די הענט אַרײַן און אָנהויבן פון יעצט צו זײַן װאויל און ערליך און נישט קוקן אויף װאָס מען טאָר נישט.

דִי שְׂכַר פַאר דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן אִיז נִישְׁט צוּם בַּאגְרֵייפְן. דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא בַּתְרָא נ"ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ל"ג, ט"ו) "וְעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע - זֶה שֶׁאֵינוֹ מִסְתַּכֵּל בְּנָשִׁים בְּשָׁעָה שֶׁעוֹמְדוֹת עַל הַכְּבִיסָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פוּן אַ אִיד וָואס הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נִישְׁט שְׁטְרָאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאפְט אוּן וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן זַיין שְׁלָאף, עֶר זָאל זִיךְ כַאפְּן בַּיים קָאפּ אַז עֶר גֵייט נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, עֶר זָאל כַאפְּן אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶענוּג פַארְבִּיטֶערְט זַיין לֶעבְן, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין הֶעכְסְט צַייט אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע אוּן זוּמְפּ אִין וָואס עֶר לִיגְט אַיינְגֶעזִינְקֶען; אוּן אִין דִי מִינוּט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט

אָנְהויבְּן צוריק צו קומֶען צום אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אויפְנֶעמֶען מִיט אָפֶענֶע אָרֶעמֶעס און אִים אַרויסְהֶעלְפְן צו קֶענֶען אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה טון.

דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קומְט אָן נָאכְאַמָאל צו דִי זֶעלְבֶּע נִסְיונות אִין וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן און דָאס מָאל שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ און עֶר הַאלְט זִיךְ צוריק פון צו טון דִי עֲבֵירָה, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ צוגֶעוואוינְט צו קוקְן שְׁמוץ, דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוכֶה זַיין פון יֶעצְט תְּשׁוּבָה צו טון, און אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶועט אִים אונְטֶערְקומֶען נָאכְאַמָאל צו קוקְן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט בְּרֶענֶען אִין אִים אַז עֶר זָאל נָאכְאַמָאל קוקְן אויף שְׁמוץ, זָאל עֶר זִיךְ קֶענֶען צוריק הַאלְטְן און נִישְׁט קוקְן, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע און בֶּעסְטֶע תְּשׁוּבָה.

## ג

דֶער יֵצֶר הָרַע לָאזְט אָבֶער נִישְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי גְרִינְג, דִי תַּאֲווֹת בְּרֶענֶען אוּן פְלַאקֶערְן אִינֶעם מֶענְטְשׁ׳ס הַארְץ אוּן גֶעבְּן אִים נִישְׁט קַיין מְנוּחָה, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן אִים אִיז נָאר דוּרְכְ׳ן בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת רְאִיָּה, סִימָן ט׳): ״וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיס אוֹיפְ׳ן גַאס אוּן עֶר הָאט מוֹרָא אַז עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף שֵׁיינֶע פְרוֹיעֶן אוּן צוּקוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, זָאל עֶר זָאגְן דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ל״ג, ז׳) ״הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן״, אוּן דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן״.

גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אַ אִיד גֵייט אַרוֹיס פוּן הוֹיז זָאל עֶר זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אַ מִינוּט בַּיי דִי טִיר, עֶר זָאל

אַרוֹיפְלֵייגְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן הוֹיז בְּשָׁלוֹם, אוּן צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם, סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת, אַז דִי נְשָׁמָה זָאל נִישְׁט צוּרִיק אַהֵיים קוּמֶען בַּיינַאכְט פַארְפְלֶעקְט מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. אוֹיבּ אַ אִיד וִויל זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוֹיבּ אַ אִיד וֵוייסְט אוּן אַנֶערְקֶענְט אַז אוֹיבּ וִויל עֶר הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מוּז עֶר זִיךְ היִטְן דִי אוֹיגְן, מוּז עֶר זִיךְ היִטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דַאן דַארְף עֶר אוֹיךְ וִויסְן אַז עֶר קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם נָאר דוּרְכְ׳ן בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי בֶּעטְן אַ תְּפִלָּה בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף

מִיר אַז דִי הַיינְטִיגֶע טָאג זָאל זַיין גָאר אַ גוּטֶער טָאג, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן פוּן הַיינְט צוּ זַיין נָאר וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אִיךְ זָאל פוּן הַיינְט אַװעקְװַארְפְן אַלֶע מַיינֶע שְׁמוּץ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין הַיינְט זִיךְ אֶמֶת׳דִיג צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אִיךְ זָאל נָאר קוּקְן צוּ דִיר, אִיךְ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אוּן אִיךְ זָאל נָאר רֶעדְן צוּ דִיר. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ טוֹישׁ אוֹיף מִיט וָואס, פוּן אֵיין זַייט קֶען אִיךְ זִיךְ אַלֵיין הַרְג׳עֶנֶען מַיין לֶעבְּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט, מִיט דֶעם וָואס אִיךְ קוּק שְׁמוּץ אוּן אִיךְ לִיג אִין שְׁמוּץ, וָואס פַאר דִי נַארִישֶׁע תַּאֲוָה פוּן בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע מִינוּט, וָואס אִיךְ פַארְדִין גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם, וֶוערְט מַיין מֹחַ אִינְגַאנְצְן פַארְדְרֵייט אוּן מַיין לֶעבְּן דֶערְבִּיטֶערְט; אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען אִיךְ הָאבְּן אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן אוֹיב וֶועל אִיךְ זִיךְ צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן צוּ קוּקְן

שמוץ, עס וועט מיר טאקע אנקומען אביסל שווער פאר עטליכע מינוט, אבער נאכדעם וועט מיר דאך זיין אזוי זיס און פיין. הייליגער באשעפער העלף מיר אז איך זאל האבן די ריכטיגע שכל און אויסוועלן דאס וואס איז אמת׳דיג גוט פאר מיר, און איך זאל כאטש היינט זיך צוריק האלטן און נישט קוקן אויף וואס מען טאר נישט״. און אזוי קען יעדער איד זיך מאכן אן אייגענע תפלה אינדערפרי, צו בעטן דעם אייבערשטן אז דער היינטיגער טאג זאל ער נאר קוקן אויף גוטע זאכן און נישט חס ושלום אויף שלעכטס, און דאן וועט אים דער אייבערשטער העלפן אז ער וועט האבן א גוטע און פרייליכע טאג, און ער וועט זיין אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס.

## ד

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַריינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע וֶועלְט, אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַזוֹיפִיל נִסְיוֹנוֹת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ זֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט טוּן, צִי וֶועט עֶר דוּרְכְפַּאלְן אוּן וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי שְׁמוּצִיגֶע גַאס, אָדֶער וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן לוֹיפְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר וֶועט יָא דוּרְכְפַּאלְן וֶועט עֶר אוֹיךְ זִיךְ דֶערְמַאנֶען אוּן שְׁנֶעל צוּרִיק לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, עֶר דַארְף זִיךְ גוּט קֶענֶען, עֶר דַארְף גוּט קֶענֶען זַיינֶע שְׁוַואכְקֵייטְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז עֶר וֶועט בְּלוֹיז גֶעבְן נָאר אֵיין קוּק, וַוייל אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נָאר אֵיין קוּק, וֶועט אִים דֶער אֵיינֶער קוּק שְׁלֶעפְּן וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ גֶעבְן אַ כַאפּ אוּן זֶען אַז עֶר

זִיצְט שׁוֹין אַזוֹי פַּאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין זַיין שְׁמוּץ.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן שְׁמוּצִיגֶע ווִידִיאָס אוּן מָאוִויס וָואס דָאס צִיט זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן קוּקְן. דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן אַנְטְלוֹיפְן דֶערְפוּן ווִי פוּן פֵייעֶר.

דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אַלֵיין מַאכְן אַן אוֹיפְרִיכְטִיגְן חֶשְׁבּוֹן מִיט זִיךְ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר דַארְף טַאקֶע הָאבְּן אַזַא סָארְט טֶעלֶעפָאן אָדֶער קָאמְפְּיוּטֶער אוּן דָאס גְלַייכְן וָואס מֶען קֶען דֶערוֹיף זֶען שְׁמוּץ. מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען פָּאפְּן אוּן אַיינְרֶעדְן אַז מֶען דַארְף עֶס הָאבְּן זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר ווִיכְטִיגֶע גֶעשֶׁעפְטְן, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אָבֶער אַלֵיין מַאכְן דֶעם חֶשְׁבּוֹן, נָאר מִיט זִיךְ אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ עֶר דַארְף דָאס טַאקֶע אַזוֹי ווִיכְטִיג

הָאבְּן, אָדֶער אִיז דָאס נָאר עֶפֶּעס וָואס פַארבְּרֶענְט אִים זַײנֶע טֶעג און זַײנֶע יָארְן, און נִישְׁט נָאר וָואס דָאס הֶעלְפְּט אִים נִישְׁט צוּ זַײן גֶעשֶׁעפְטְן, נָאר דָאס מַאכְט אִים נָאךְ אָן פִּיל שָׁאדְן סַײ בְּרוּחְנִיוּת און סַײ בְּגַשְׁמִיוּת, דָאס פַארְדְרֵייט אִים אִינְגַאנְצְן זַײן מֹחַ און לָאזְט אִים נִישְׁט מַצְלִיחַ זַײן אִין לֶעבְּן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ און עֶס קוּמְט אִים אוֹיס צוּ קוּקְן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט אִיז דָאס נָאךְ אֵײן זַאךְ; אָבֶער נָאךְ פִּיל עֶרְגֶער פוּן דֶעם אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַלֵײן אַרַײן אִין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר גֵייט אוֹיף פְּלֶעצֶער וָואס עֶר וֵוייסְט אַז עֶר וֶועט דָארְט וַוארְשֵׁיינְלִיךְ נִכְשָׁל וֶוערְן אִין קוּקְן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, עֶר קוֹיפְט זִיךְ שְׁמוּצִיגֶע מַאגַאזִינֶען, עֶר שַׁאפְט זִיךְ אַײן אַזַא סָארְט טֶעלֶעפָאן און קָאמְפְּיוּטֶער, אַן אֵייפַּאד און אֵייפֶּעד אָדֶער טֶעבְּלֶעט, אָדֶער אַנְדֶערֶע

אַזעלכע סאָרט זאַכן, וואָס דער מענטש ווייסט דעם אמת אַז מיט'ן האָבן די זאַכן וועט אים זײַן זייער שווער זיך צוריק צו האַלטן פון צו קוקן שלעכטע זאַכן.

מען דאַרף אַסאַך בעטן דעם אייבערשטן אַז מען זאָל האָבן דעם קאָפּ אויפ'ן פּלאַץ און זיך נישט לאָזן נאַרן, נאָר מען זאָל טון דאָס וואָס איז אמת'דיג גוט און ריכטיג, און דאַן וועט מען האָבן אַן ערליכע און גוטע לעבן.

## ה

די אויגן ליגן אינעם קאָפּ פונעם מענטש, ווייל דאָס איז דער קאָפּ און דער עיקר פונעם גאַנצן מענטש. דער גאַנצער מענטש ווערט נאָכגעשלעפּט נאָך זײַנע אויגן. און עס ליגט די בחירה בײַם מענטש אין האַנט אויב ער

זאָל נוצן זײַנע אױגן װי עס דאַרף צו זײַן און מיט דעם ראַטעװען דעם גאַנצן מענטש. און דעריבער דאַרף מען זײער אַסאַך בעטן דעם אײבערשטן אַז מען זאָל נאָר זיך אױסנװעלן צו טון גוטס און צו קוקן נאָר אױף װאָס דער אײבערשטער לאָזט.

מען דאַרף אָבער אױך װיסן אַז װען אַ מענטש קוקט אַסאַך שמוץ, װערט זײַן מח אַזױ פֿאַרקרומט אַז ער פֿאַרגעסט אינגאַנצן פֿונעם אײבערשטן, ער שפּירט נישט דעם אײבערשטן, ער רעדט זיך אײַן אַז דער אײבערשטער איז זײער װײַט פֿון אים, און דעריבער װעט אים זײַן זײער שװער אין אָנהױב צו רעדן צום אײבערשטן. װען דער מענטש װײסט אָבער דערפֿון, ער װײסט אַז עס קומט אַזױ אַז ער זאָל נישט שפּירן אין אָנהױב אַז דער אײבערשטער הערט אױס יעדע װאָרט װאָס ער רעדט, דאַן װעט דער מענטש נישט

קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, נָאר עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אָן קַיין גֶעפִיל, אֲפִילוּ עֶר פִילְט גָארְנִישְׁט. אוּן נָאכְ'ן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען זַיין מֹחַ אוּן עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר הֶערְט אִים אוֹיס אוּן עֶר וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

אוּן צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ צַדִיק וָואס זָאל שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין דֶעם מֶענְטְש נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן אוּן דוּרְכְפֶעלֶער, נָאר אֵייבִּיג זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין יֶעדֶע מַצָב אוּן נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווארוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן אוּן הֵייליִגְן דִי אוֹיגְן, עֶר קוּקְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לוֹיפְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר

בֶּעט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ; וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אויף דִי וֶועלְט און אויף יֶענֶע וֶועלְט.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

# אַ תְּפִלָּה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע סָארְט שְׁקָרִים און טוּמְאָה,

## און זִיךְ צוּ קֶענֶען הִיטְן דִי אוֹיגְן.

(מִסֵּפֶר לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת, חֵלֶק א׳, תְּפִלָּה נ״א)

ה׳ אֱלֹהִים אֱמֶת, עָזְרֵנִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים וְהַצִּילֵנִי מִן הַשֶּׁקֶר, וֶהְיֵה עִמִּי תָּמִיד וְשָׁמְרֵנִי שֶׁלֹּא יֵצֵא שׁוּם דְּבַר שֶׁקֶר מִפִּי לְעוֹלָם בֵּין בְּשׁוֹגֵג בֵּין בְּמֵזִיד בֵּין בְּאֹנֶס בֵּין

בְּרָצוֹן וְתַעַזְרֵנִי שֶׁלֹּא אֶהְיֶה נִכְשָׁל בְּשׁוּם דְּבַר שֶׁקֶר אֲפִלּוּ בְּטָעוּת זַכֵּנִי לֶאֱמֶת בְּרַחֲמֶיךָ הַגְּדוֹלִים.

חוּס וַחֲמֹל עָלַי וְהַעֲלֵנִי מִטֻּמְאָה לְטָהֳרָה מֵחֹל לְקֹדֶשׁ קַדְּשֵׁנִי בִּקְדֻשָּׁתְךָ הָעֶלְיוֹנָה בֶּאֱמֶת "חַלְּצֵנִי ה' מֵאָדָם רָע מֵאִישׁ חֲמָסִים תִּנְצְרֵנִי, כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה שֶׁקֶר רְדָפוּנִי עָזְרֵנִי ה' הַצִּילָה נַפְשִׁי מִשְּׂפַת שֶׁקֶר מִלָּשׁוֹן רְמִיָּה דֶּרֶךְ שֶׁקֶר הָסֵר מִמֶּנִּי וְתוֹרָתְךָ חָנֵּנִי לֹא יֵשֵׁב בְּקֶרֶב בֵּיתִי עֹשֵׂה רְמִיָּה דּוֹבֵר שְׁקָרִים לֹא יִכּוֹן לְנֶגֶד עֵינָי" חָנֵּנִי וַעֲנֵנִי וּפְדֵה נַפְשִׁי הָאֻמְלָלָה מִן הָרַע וּמִן הַטֻּמְאָה וּמִן הַשֶּׁקֶר, וְתֵן לִי בְּמַתְּנַת חִנָּם אֱמֶת וָחֶסֶד וְתַשְׁפִּיעַ עָלַי מֵאִתְּךָ קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה אֱמֶת וָטוֹב הַחֲזִירֵנִי בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ בֶּאֱמֶת, וְזַכֵּנִי מֵעַתָּה לָצֵאת מְהֵרָה מֵרַע לְטוֹב מִטֻּמְאָה לְטָהֳרָה מִשֶּׁקֶר לֶאֱמֶת, וְאֶזְכֶּה לְעֶצֶם הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְתַמְשִׁיךְ הַשְׁגָּחָתְךָ הַשְּׁלֵמָה עָלֵינוּ, וְתַשְׁגִּיחַ עָלֵינוּ בִּשְׁלֵמוּת בְּעֵין הַחֶמְלָה וְהַחֲנִינָה, עַד שֶׁנִּזְכֶּה לְהִכָּלֵל בְּךָ

בֶּאֱמֶת וְיִתְאַחֲדוּ וְיִכָּלְלוּ אַחַר הַבְּרִיאָה בְּקֹדֶם הַבְּרִיאָה עַל יְדֵי הַשְׁגָּחָתְךָ הַשְּׁלֵמָה וְיִהְיֶה כֻּלּוֹ אֶחָד כֻּלּוֹ טוֹב כֻּלּוֹ קֹדֶשׁ כֻּלּוֹ אֱמֶת.

וְתַצִּילֵנִי מִכָּל מִינֵי הִתְנַגְּדוּת שֶׁלֹּא יִמָּצֵא בִּי שׁוּם צַד הִתְנַגְּדוּת חַס וְשָׁלוֹם לְשׁוּם דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, וְלֹא לְשׁוּם אָדָם כָּשֵׁר שֶׁבָּעוֹלָם רַק אֶהְיֶה נִכְלָל בֶּאֱמֶת, בְּכָל הַדְּבָרִים הַטּוֹבִים וְהַקְּדוֹשִׁים וְיִהְיֶה לִי אַהֲבָה אֲמִתִּיּוּת וְאַחְדוּת פָּשׁוּט עִם כָּל הַכְּשֵׁרִים אֲמִתִּיִּים שֶׁבַּדּוֹר, וְעִם כָּל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים וְעִם כָּל הַטּוֹב שֶׁיֵּשׁ בִּכְלָלִיּוּת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ, עַד שֶׁבִּכְלָלָם אֶהְיֶה נִכְלָל בְּךָ ה׳ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ וְאֶזְכֶּה לְהִתְדַּבֵּק בְּךָ בֶּאֱמֶת וּלְהִכָּלֵל בְּאַחְדוּתְךָ תָּמִיד מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם לְעוֹלְמֵי עַד וּלְנֵצַח נְצָחִים.

וְתַצִּילֵנִי מִפְּגַם הָרְאוּת, וּתְקַדֵּשׁ אֶת עֵינַי תָּמִיד וְלֹא אֶסְתַּכֵּל עוֹד בְּשׁוּם דָּבָר הַפּוֹגֵם אֶת הָרְאוּת, רַק אֶזְכֶּה

לְהִסְתַּכֵּל בְּעֵינַי בְּתוֹרָתֶךָ, וּלְהִסְתַּכֵּל עַל צַדִּיקֶיךָ הָאֲמִתִּיִּים וְעַל כָּל הַדְּבָרִים הַמְקַדְּשִׁין אֶת הָעֵינַיִם, עַד שֶׁיִּהְיוּ עֵינַי קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים תָּמִיד בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְאֶזְכֶּה לְתַקֵּן מְהֵרָה אֶת כָּל הַפְּגָמִים שֶׁפָּגַמְתִּי בְּעֵינַי וְתַעַזְרֵנִי בְּרַחֲמֶיךָ וְתִשְׁמְרֵנִי מִקִּלְקוּל חוּשׁ הָרְאוּת חַס וְשָׁלוֹם, וְלֹא יִכְהוּ מְאוֹר עֵינַי לְעוֹלָם "וְגַם עַד זִקְנָה וְשֵׂיבָה אַל תַּעַזְבֵנִי" וְתִשְׁמֹר אֶת אוֹר עֵינַי תָּמִיד, לְמַעַן אֶזְכֶּה לַהֲגוֹת בְּתוֹרָתְךָ יוֹמָם וָלַיְלָה, וּלְנַדֵּד שֵׁנָה מֵעֵינַי וְלֹא יַגִּיעַ לִי עַל יְדֵי זֶה שׁוּם הֶזֵּק וּמֵחוּשׁ לְעֵינַי וְיִהְיוּ עֵינַי מְאִירוֹת כַּשֶּׁמֶשׁ וְכַיָּרֵחַ.

יָחִיד וּמְיֻחָד קָרְבֵנוּ אֵלֶיךָ בֶּאֱמֶת, וְתִדְחֶה וְתַעֲבִיר וּתְבַטֵּל הַשֶּׁקֶר וְהָרַע וְהַטֻּמְאָה מִן הָעוֹלָם וּתְקַיֵּם מְהֵרָה מִקְרָא שֶׁכָּתוּב. "וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ", וּתְטַהֲרֵנוּ וּתְקַדְּשֵׁנוּ בְּכָל מִינֵי טָהֳרוֹת וּקְדֻשּׁוֹת וּתְקַיֵּם בָּנוּ מִקְרָא שֶׁכָּתוּב. "וְזָרַקְתִּי עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים וּטְהַרְתֶּם

מִכֹּל טֻמְאוֹתֵיכֶם וּמִכָּל גִּלּוּלֵיכֶם אֲטַהֵר אֶתְכֶם" וּתְגַלֶּה הָאֱמֶת בָּעוֹלָם חִיש קַל מְהֵרָה וּתְקַיֵּם בְּיָמֵינוּ. "שְׂפַת אֱמֶת תִּכּוֹן לָעַד וְעַד אַרְגִּיעָה לְשׁוֹן שָׁקֶר אֱמֶת מֵאֶרֶץ תִּצְמָח וְצֶדֶק מִשָּׁמַיִם נִשְׁקָף חֶסֶד וֶאֱמֶת נִפְגָּשׁוּ צֶדֶק וְשָׁלוֹם נָשָׁקוּ הַדְרִיכֵנִי בַאֲמִתֶּךָ וְלַמְּדֵנִי כִּי אַתָּה אֱלֹהֵי יִשְׁעִי אוֹתְךָ קִוִּיתִי כָּל הַיּוֹם הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ יַחֵד לְבָבִי לְיִרְאָה שְׁמֶךָ שְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ הֵמָּה יַנְחוּנִי יְבִיאוּנִי אֶל הַר קָדְשְׁךָ וְאֶל מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ מִי אֵל כָּמוֹךָ נוֹשֵׂא עָוֹן וְעוֹבֵר עַל פֶּשַׁע לִשְׁאֵרִית נַחֲלָתוֹ, לֹא הֶחֱזִיק לָעַד אַפּוֹ כִּי חָפֵץ חֶסֶד הוּא, יָשׁוּב יְרַחֲמֵנוּ יִכְבֹּשׁ עֲוֹנוֹתֵינוּ וְתַשְׁלִיךְ בִּמְצֻלוֹת יָם כָּל חַטֹּאתָם תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב חֶסֶד לְאַבְרָהָם אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ לַאֲבוֹתֵינוּ מִימֵי קֶדֶם הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם" אָמֵן וְאָמֵן:

# הספר

# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר

של הספר הזה מאור עינינו,

חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד

קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה

נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

## הספר הקדוש הזה נדפס
## לרפואת

# מרים בת אסתר אקא תחי׳

**הקדוש ברוך הוא ישלח לה רפואה שלמה לכל רמ"ח איבריה ושס"ה גידיה ולכל טיפי דמיה, רפואת הנפש ורפואת הגוף. ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, אמן כן יהי רצון.**